# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

פרשת תרומה, ד' אדר תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון כ"א


**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות......5:29
מוצאי שבת קודש......7:01

## א מעשה פון תפלה

**יוסף שניטצלער**

מיין טאכטער האט געגעסן עפעס א פארשימעלטע עסן וואס זי האט געטראפן ערגעץ ווי, און זי האט אנגעהויבן זייער נישט גוט צו פילן זי האט געבראכן, מען האט אסאך געבטן דעם אייבערשטן אז זי זאל פילן גוט, למעשה איז מען געגאנגען צום דאקטער אויסטשעקן וואס דא גייט פאר, האט די דאקטער געזאגט אז עס האט נישט צוטוהן מיט די עסן וואס זי האט געגעסן, עס איז א ווייראס וואס גייט מיט'ן אייבעשטענ'ס הילף דורך גיין אין אפאר טעג. שכח אייבערשטער!

**יעקב משה אינדארסקי**

א) ברוך השם איך האב די זכיה צו אויסטיילן די גליון יעדע וואך פאר אלע משפחות און אזוי אויך געט מען גליונות פאר די אינגלייט וואס לייגן עס ארום אין די בתי מדרשים אין קרית יואל און אזוי אויך אין אנדערע געגענטער ארום, עס פלעגט זיין א אינגערמאן וואס פלעגט עס ברענגן יעדע וואך פון שטאט, אבער אזוי ווי יענער אינגערמאן האט אויפגעהערט ארבעטן אין שטאט האב איך נישט געהאט ווער עס זאל עס ארויסברענגען, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיין איינער וואס קען עס ארויס ברענגן, און ברוך השם ביים סוף האט מען געטראפן איין אינגערמאן וואס איז נאך געווען אין שטאט און האט עס געקענט ארויס ברענגן.

ב) שבת ווען דער ראש ישיבה איז געווען אין שטעטל האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז די וועג ווי מען גייט צו די אכסניא פון דער ראש ישיבה זאל נישט זיין בלאטעדיג, און שכח אייבערשטער אז עס איז געווען הארט די ערד.

## נייעס אין שטעטל

**בל"נ באזוך פון דער ראש ישיבה שליט"א**

דאנערשטאג פארטאגס איז דער ראש ישיבה שליט"א געקומען אויף א באזיך אין שטעטל - מיט די מטרה צו מחזק זיין די אינגעלייט מען זאל אויפשטיין פארטאגס און קומען אין בית המדרש לערנען וואס דאס גיבט דעם מענטש גאר א אנדערע טאג.

דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעלערנט דעם דף גמרא וואס עס רעדט זיך דארט פון חלומות וואס מען חלומ'ט ביינאכט, ווי די גמרא פארציילט אז אביי און רבא זענען געגאנגען צו א בעל החלומות ער זאל פותר חלום זיין זייערע חלומות, אויב האט מען אים געגעבן אפאר דאלער האט ער פותר חלום געווען אויף גוט און אויב נישט האט ער ליידער פותר חלום געווען אויף שלעכט, און דאס איז ליידער היינט אויך אזוי, מען גייט צו די בעלי מקובלים אויב געבט מען זיי אפאר דאלער וועלן זיי זאגן פונטליך וואס דו ווילסט הערן און פארקערט וועט ער דיך זאגן נאר שלעכטע זאכן, דערפאר דארף מען זעהן צו זיין געווארענט נישט צו גיין צו אזאלעכע מקובלים, נאר ענדערש גיין צו א ערליכער איד וואס דארף נישט דיין געלט, און ער וועט דיר נאר געבן גיטע עצות פון די הייליגע תורה.

דערנאך האט מען זיך געשטעלט דאווענען שחרית, ווי דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מען דארף זעהן צו דאווענען יעדן טאג פונקטליך און צייטליך, און זעהן נישט צו צעגערן ביים דאווענען.

נאכ'ן דאווענען האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א טאנץ אז מען האט זוכה געווען צו דאווענען און צו אנטוהן תפלין. דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן פאר די אינגלייט "עס איז א געשמאקע פרייליכע פלאץ דא אין שטעטל". דערנאך איז דער ראש ישיבה צוריק אהיימגעפארן צו די ישיבה.

**מודעה**

מיר ווילן דערמאנען אלע חשובע איינוואוינער אז מען האלט שוין טיף אינמיטן חודש אדר, אויב האסטו נאכנישט געשמייכעלט היינט, געב יעצט כאטש א שמייכל.

"זיי אזוי פרייליך אז ווען אנדערע קוקן אויף דיר זאלן זיי אויך ווערן פרייליך."

משנכנס אדר מרבין בשמחה

# שבת משפטים מיט דעם ראש ישיבה שליט"א

ערב שבת איז דער ראש ישיבה שליט"ט צוגעגאנגען צום בית התבשיל וואס ווערט אנגעפירט מיט א געוואלדיגע געטריישאפט ביי האברך החשוב שלמה יאקאבאוויטש נ"י, דער ראש ישיבה איז מורא'דיג נתפעל געווארן פון די רחבות וואס איז דא אין בית התבשיל ווי מען קען נעמען ממש אלעס וואס מען דארף האבן פאר א שבת סעודה, אנגעהויבן פון חלות ביז פיש און פלייש מיט אלע גוטע דיפס.

נאך א דערהויבענע דאווענען פרייטיג צונאכטס האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט דעם דף גמרא מיט א געוואלדיגע געשמאק, דערנאך האט מען אביסל ארום גערעדט התחזקות ווי דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט די שיינקייט פון דעם בית המדרש ווי אלע קינדער זיצן לעבן די טאטעס און דאווענען אזוי שיין.

אינדערפרי פאר שחרית האט מען פארגעלערנט פעולת הצדיק ווי מען האט ארום גערעדט די תורה וואס די רבי האט גערעדט ראש השנה תקס"ה אז א יעדע איד נישט קיין חילוק אין וועלכע מצב ער איז קען ער נאך אויך זוכה זיין צו וואקסן א גרויסע צדיק, ער דארף נאר האבן די רצון וועט ער אנקומען ביים סוף צו אלע מדריגות, אויך האט מען אויסגעשמיסט וואס דער הייליגער רבי זאגט אז ווען מען וויינט צום אייבערשטן דארף עס זיין בכיה מחמת שמחה, נישט אויף א וועג ווי איך האב טענות אויפ'ן אייבערשטן חס ושלום, נאר בעטן ברחמים ותחנונים.

צו שחרית איז דער ראש ישיבה שליט"א צוגעגאנגען צום עמוד ווי עס איז אדורך מיט א געוואלדיגע געשמאק, מוסף איז מכובד געווארן די מנהל הר"ר אברהם משה שטראסער שליט"א.

נאכ'ן דאווענען איז פארגעקומען א גרויסע קידוש ווי דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט די מעשה פון דער בערגער און דער ארעמאן, אז דער ארעמאנ'ס ווייב האט אלץ געדענקט די טובה וואס דער בערגער האט געטוהן פאר אים און דער ארעמאן אליין האט נאר געזיכט צו באגראבן דעם בערגער, דאס איז א געוואלדיגע מוסר השכל פאר אונז, אז מען זאל קיינמאל נישט באגראבן און בארעדן דעם צדיק וואס האט דיך געהאלפן אין לעבן זיך שטעלן אויף די פיס, נאר אלץ זעהן **ווי קען איך מער מפרסם זיין דעם הייליג'ן צדיק מיט זיינע עצות פאר די גאנצע וועלט.**

פאר מנחה האט מען פארגעלערנעט דעם דף גמרא.

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט די תורה אין ליקוטי מוהר"ן קי"א ווי דער הייליגער רבי שמועסט אויס אויפ'ן פסוק ראש בני ישראל ראשי תיבות "רבי" און להיפך רשעים בחשך ידמו איז אויך ראשי תיבות "רבי" עס איז פארהאן צוויי סארט רבי'ס, עס איז דא א רבי וואס הייבט אויף אידישע קינדער און געט זיי אריין א חיות אין לעבן אז זיי זאלן וועלן אהיים גיין צו די ווייב און קינדער, און ווי אויך געט ער אריין אין זיינע מענטשן א געוואלדיגע געשמאק אין אידישקייט, פארקערט איז ליידער פארהאן אסאך רבי"ס וואס מען קומט צו זיי אבער מען ווייסט נישט פארוואס מען איז געקומען, מען נעמט פון דארט גארנישט מיט, ער הייבט נישט אויף זיינע מענטשן זיי זאלן האבן א געשמאק אין זייער טאג טעגליכע לעבן און ער געט נישט פאר זיינע מענטשן א וועג ווי אזוי מען קען זיך צוריק קערן צום אייבערשטן, זיי ווייסן נישט אז מען קען יעדן טאג זוכה זיין צו לערנען אפילו מען פארשטייט נישט קיין לערנען, זיי ווייסן נישט וויאזוי מען לעבט אין שטוב מיט א ווייב, אז מען מיז נישט אלץ זיין גערעכט, נאר מען בייגט זיך אביסל אראפ דעם קאפ, און אז די ווייב איז נישט יעצט איז די בעסטע גיסטע פארשטייט מען איר און מען מאכט איר נישט אוועק, במילא ווען דער חסיד גייט אהיים ווייסט ער מיט וואס ער גייט אהיים, דארף מען אויף דעם דאנקן דעם אייבערשטן אז אונז האבן יא אזא גוטע רבי וואס זאגט אונז דעם וועג וויאזוי מען קען האבן א גוטע לעבן אויף דער וועלט און אויף יענע וועלט.

דער ראש ישיבה שליט"א האט מעורר געווען אלע אינגעלייט אז מען זאל זיך אויפרישן פונדאסניי און צוריק אנהייבן מאכן שיעורים און די פינף ספרים וואס די הייליגע רבי האט אונז איבערגעלאזט, וואס ווען מען לערנט אין דעי ספרים וועקט עס אויף דעם מענטש פון דעם טיפן שלאף ווי אונז שלאפן און מען הייבט אן צוריק עפענען דעם מויל צו שמיסן מיט'ן אייבערשטן און אזוי ווייטער אלע עצות וואס די הייליגע רבי לערנט מיט אונז.

ווי אויך האט מען ארום גערעדט פון שבת שקלים ווי מען זעהט אז די אייבערשטער האט געהייסן געבן א מחצית השקל צו ווייזן אז **א מענטש אליין איז נאר האלב, מיט א צווייטן איז מען גאנץ**, די ערשטע דארף מען דאס וויסן אין שטוב, און אזוי אויך אין בית המדרש מיט חברים דארף מען אלץ געדענקן אז איך בין נאר האלב, מיט א צווייטן איז מען גאנץ.

מוצאי שבת האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דעם דף גמרא פאר דעם קומענדיגע טאג, מען האט ארום גערעדט נאכ'ן שיעור ווי שטארק מען דארף אכטונג געבן אויף א ווייב און ווי די גמרא פארציילט אז אפילו די ווייב האט געמאכט א גרויסע שאדן האט ער איר שיין איבערגעבעטן, דאס דארף מען זעהן זיך אפצולערנען פון די הייליגע תנאים.



אין בית התבשיל

